# די צײַט פֿון אונדזער געזאַנג
# פֿון ריטשאַרד פּאַוערס
# ייִדיש: רעדאַקציע

אַ וואָרט פֿריִער

ריטשאַרד פּאַוערס איז איינער פֿון די וויכטיקסטע הײַנטיקע אַמעריקאַנער פּראָזאַיִקערס. כאָטש ער איז ניט קיין בעסטסעלער האָט מען אים שוין פּרעמירט מיט אַ צאָל גאָר חשובֿע פּריזן, בתוכם די „מעקאַרטור"-סטיפּענדיע. אין זײַן שאַפֿן באַהאַנדלט ער גרויסע טעמעס - וויסנשאַפֿט, רעליגיע, גענעטישע אינזשענירונג - אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב.

„די צײַט פֿון אונדזער געזאַנג" (דע טײַם אָוו אַור סינגינג) דרייט זיך אַרום דעם שטורמישן לעבן פֿון איין אַמעריקאַנער משפּחה - דעם טאַטן, אַ דײַטשער ייִד, אַ טעאָרעטישער פֿיזיקער און אַ פּליט פֿון היטלער; די מאַמע, אַ שוואַרצע זינגערין; און זייערע קינדער, סײַ שוואַרצע, סײַ ייִדן, סײַ עפּעס אין מיטן, צווישן זיי איין מוזיקאַלישער עילוי, זײַן ברודער, דער אַקאָמפּאַניסט, און זייער שוועסטער, וואָס וועט ווערן אַ ראַדיקאַלקע. אין דעם אויסצוג, פֿון סאַמע אָנהייב פֿון ראָמאַן, רעדט דער צווייטער ברודער, דזשאָיִ, וועגן ערשטן, דזשאָנאַ (יונה).

דעצעמבער 1961

אין אַ ליידיקן זאַל זינגט נאָך אַלץ מײַן ברודער. דאָס קול איז אים נאָך ניט פֿאַרדושעט. ניט אין גאַנצן. די צימערס ווו ער האָט געזונגען האַלטן נאָך אַ רושם, די ווענט צוגעפּוקלט מיט זײַן קלאַנג, זיך ריכטנדיק אויף אַ עתידיקן פֿאָנאָגראַף וואָס זאָל זיי קענען אויפֿכאַפּן.

מײַן ברודער דזשאָנאַ שטייט פֿעסט, אָנגעלענט אין אַ פּיאַנע. ער איז אַלט נאָר צוואַנציק יאָר. עס הייבן זיך ערשט אָן די זעכציקער יאָרן. דאָס לאַנד דרעמלט נאָך אין זײַן לעצטער געמאַכטער אומשולדיקייט. קיינער האָט ניט געהערט פֿון דזשאָנאַ שטראָם חוץ אונדזער משפּחה, צי וואָס ס'איז דערפֿון געבליבן. מיר זײַנען געקומען צו פֿאָרן קיין דורם, צפֿון-קעראָלײַנע, אין אַלטן מוזיק-בנין בײַ דיוק. ר'איז דערגאַנגען צו די פֿינאַלן פֿון אַ לאַנדישן געזאַנג-פֿאַרמעסט וואָס שפּעטער וועט ער פֿאַרלייקענען אַז ר'האָט זיך אַ מאָל אין דעם באַטייליקט. דזשאָנאַ שטייט איינער אַליין, אַ ביסל אויף רעכטס פֿון צענטער בינע. דער ברודער טורעמט זיך אויפֿן אָרט, צוגעשפּאַרט אַ ביסל, מיטן רוקן צום אויסבייג פֿון קאָנצערט-פּיאַנע, זײַן איינציקע זיכערקייט. ער קרײַזלט זיך פֿאָרויס, די מגילה אויף אַ צוריקגעהאַלטענעם טשעלאָ. לינקע האַנט האַלט אים פֿעסט אַקעגן פּיאַנע-ראַנד, בשעת רעכטע האַנט מאַכט פֿאַר אים אַ גלעזל אַזאַ, האַלט אַזאַ בריוו, שוין אַ משונהדיק פֿאַרלוירענער. ער גיט אַ שמייכל אויף די שאַנסן, אַז ער זאָל דאָ ניט זײַן, גיט אַן אָטעם אײַן, און צעזינגט זיך.

אָט זיצט אויף אַלע פֿיר דער ערלקעניג בײַ מײַן ברודער אויף די פּלייצעס, שושקענדיק אַ געבענטשטן טויט. און אָט צעעפֿנט זיך אין דער לופֿט אַ כאַפּטירל און דער ברודער איז שוין אַנדערש ווו, אַרויסרייצנדיק גאָר אַ ליד דאָולאַנדס, אַ ביסל פֿאַרכאַפּנדיק עזות-פּנים דעם פֿאַרפֿלעפֿטן עולם ליבהאָבער פֿון „ליעדער", וואָס קען ניט אויפֿכאַפּן זי נעץ וואָס האָט זיך איבער זיי פֿאַרגליטשט:

Time stands still with gazing on her face,
Stand still and gaze for minutes, hours, and years to her give place.
All other things shall change, but she remains the same,
Till heavens changed have their course and time hath lost his name.

צוויי סטראָפֿעס און זײַן ניגון איז אויס. אַ שטיל-שווײַגעניש הענגט איבערן זאַל. עס שוועבט זיך איבער די זיצפּלעצער ווי אַ באַלאָן איבערן האָריזאָנט. צוויי טאַקטן לאַנג איז נאָך דאָס אָטעמען אַן עבֿירה. ווײַטער איז שוין ניט מעגלעך אַדורכצומאַכן דעם סורפּריז סײַדן מע אַפּלאָדירט אים אַוועק. די רעשיקע דאַנקשאַפֿט פֿון די הענט הייבט שוין ווידער אָן די צײַט, אַוועקשיקנדיק דעם שפּיז זײַן ציל, און דעם ברודער - די זאַכן וואָס וועלן פֿון אים מאַכן אַ סוף.

אָט אַזוי זע איך אים, כאָטש ער וועט נאָך לעבן אַ דריטל יאָרהונדערט. דאָס איז דער רגע ווען די וועלט דערוויסט

אים, די נאַכט ווען איך הער וווהין עס פֿאָרט זײַן קול. איך בין אויך אויף דער בינע, בײַם צעשלאָגענעם „סטײַנווײ״ מיט די דראָבנער באַוועגלעכקייט אויף די קלאַווישן. איך באַגלייט אים, טו זיך אָן אַ כּוח מיטצוהאַלטן, באַמי זיך ניט צוצוהערן צום סירענע-קול וואָס זאָגט שטעל שוין אָפּ די פֿינגער, קראַך דײַן שיף אויפֿן ריף קלאַווישן, און שטאַרב מיט אַ פֿרידלעכן טויט.

כאָטש איך מאַך ניט קיין גרויסע בולבעס איז יענע נאַכט ניט מײַן בעסטע ווי אַ מוזיקער. נאָכן קאָנצערט וועל אין ווידער בעטן בײַם ברודער ער זאָל מיך לאָזן, צו געפֿינען אַן אַקאָמפּאַניסט וואָס קען אים טאָן זײַן רעכט. און ווידער וועט ער זיך אָפּזאָגן: „איך האָב שוין אַזאַ, דזשאָי״.

אין זיך דאָך דאָרט אויבן אויף דער בינע מיט אים אין איינעם. נאָר אין דער זעלבער צײַט זיך איך אונטן אין זאַל, דאָרט ווו כ׳זעץ זיך תּמיד אויף קאָנצערטן: צוריק מיט אַכט רייען, לעבן רעכטן דורכגאַנג. כ׳זעץ זיך ווו כ׳זאָל קענען זען ווי עס רירן זיך מײַנע אייגענע פֿינגער, ווו כ׳קען זיך אײַנקוקן אין ברודערס פּנים - גענוג נאָענט אַלץ צו זען, נאָר גענוג ווײַט דאָס זען איבערצוקומען.